# פרשת דברים

## בס"ד. התוועדות כ"ף מנחם-אב ה'תשמ"א

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

ס'איז דא כללות ענין התורה ומצוותי', און דערנאך איז דא אין זיי גופא אזוינע מצוות וואס זיי זיינען פארבונדן מיט א זמן מיוחד,

וואס עד"ז אויך דער זמן מיוחד פון עקבתא דמשיחא, וואס לויט די אלע סימנים פון דעם סיום פון מסכתא סוטה איז דאס שוין די לעצטע טעג פון עקבתא דמשיחא,

ובפרט נאך ווי דער שווער נשיא דורינו האט דאס אויך מסביר געווען און געזאגט און געשריבן און מפרסם געווען בגלוי אז דאס איז די לעצטע טעג פון גלות, נאר וואס דען – מ'קען דאס ח"ו פארלענגערן, אדער פארקערט – אין צד הטוב, נאכמערער צוהיילן,

און דער צוהיילן, דורך דערויף וואס מ'איז מדגיש און מוסיף אין די ענינים וואס זיי זיינען געווען סיבת הגלות: בראשונה דער ענין וואס עס האט געפעלט אין תורה, ביטול תורה, און ווי דער ר"ן איז דארט מסביר, אז ניט ס'האט געפעלט אין לימוד התורה אין דעם כמות דערפון, נאר לא ברכו בתורה תחלה, בלשון הגמרא[1], מ'האט ניט געמאכט פריער די ברכה "נותן התורה",

וואס די ברכה איז מדגיש, אז מ'זאל וויסן אז ס'איז ניט כוחי ועוצם ידי[2], און דאס איז ניט חכמתו, אע"פ וואס דער דין איז אז רב שמחל על כבודו כבודו מחול[3], דערפאר וואס דאס איז תורתו – אבער אט דאס גופא ווערט נאך דערויף ווי ער ווערט איין זאך און מקבל מרות ועבדות ביז אין אן אופן "כעבדא קמי' מרי'"[4] לגבי דעם נותן התורה,

וואס דאס ווערט ארויסגעבראכט אין דער ברכת התורה, ווי דער ב"ח איז דאס מבאר בארוכה בפרטיות בפירושו על הטור, און ווי שוין גערעדט אמאל בארוכה,

און אויך די צווייטע סיבה, דער ענין אז עס דארף זיין אהבת ישראל ואחדות ישראל וקירוב ישראל,

וואס דאס איז דאך אויך איינע פון די תנאים אין "צבאות השם", ביז וואנענט דאס איז אזוי אויך אראפגעקומען אין צבא כפשוטו, אז ווען איז צבא ממלא תפקידו, ווען דאס איז צבא של שלום, און נאך עאכו"כ ווען דאס איז א צבא וואס דארף שטיין במלחמה אנטקעגן א יצה"ר וכיו"ב,

וואס דער ענין פון א יצה"ר איז דאך אויף מאכן א פירוש ר"ל צווישן די אידן מיט אביהם שבשמים, במילא זוכט ער א לייכטערע וועג אויף דערויף – צו ר"ל מאכן א פירוש צווישן איין אידן מיט א צווייטן,

---

1) נדרים מא ע"א.

2) דברים פ"ח פסוק יח.

3) קידושין לב ע"א.

4) שבת יו"ד, א. טושו"ע (ואדה"ז) שם סצ"ה ס"ג (ס"ד).



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת דברים

און טוט דאס אפ אין ענינים כאילו אז היום אומר לו כך[5], אז דאס איז אויסגעהאלטן ע"פ הלכה ע"פ שו"ע וכו', אדרבא, דאס קען נאך דערצו מסייע זיין –

זאגט דער רמב"ם, ברענגט אראפ לפסק הלכה[6], אז התורה ניתנה בעולם כדי אראפצוברענגען שלום בעולם, און אין וואס פאר אן אופן אראפצוברענגען שלום – ברענגט ער דעם פסוק "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום"[7].

און דורך פירוד הלבבות, דורך היפך האהבה פירט דאס ניט, און דאס קען ניט פירן, צו דעם ענין השלום צווישן אידן, עאכו"כ אז דאס קען ניט פירן צו א שלום צווישן אידן לאביהם בשמים!

און מ'זאגט אויף דערויף אז די וועג האט אין דערויף דורכגעטראטן אהרן כהן גדול, הוי מתלמידיו של אהרן אוהב את הבריות[8], און ווי מפרשים טייטשן אפ אז זיין אהבה איז געווען צו בריות, צו אידן וואס האבן מערניט ווי די איין און איינציקע מעלה אז זיי זיינען "בריות", "לך לאומן שעשני"[9], ער איז באשאפן געווארן דורכן אויבערשטן,

און אט דעמולט זאגט מען אין אבות דר"נ אז ענינו של אהרן איז געווען אז ער האט **משנה** געווען מפני השלום,

און כדי עס זאל ניט זיין קיין טעות, ברענגט מען גלייך א דוגמא, אין וואס איז באשטאנען דער משנה, אז ער פלעגט אוועקגיין צו צוויי אידן וואס זיינען צווישן זיך געווען ניט שוה בשוה, און האט געזאגט דעם אידן: הער זיך איין: דער צווייטער וואס דו רעכנסט אז ער איז מיט דיר צוקריגן –איז ער גאר דיינער אן אוהב און וויל מיט דיר ווערן מקורב, און האט דאס אויך געזאגט דעם צווייטן, און דורך דערויף האט ער געבראכט שלום ביניהם,

וואס דאס איז מערניט ווי א שינוי:

ע"פ הלכה איז א איד בטבע, פסק'נט אפ דער רמב"ם אז ער וויל מקיים זיין רצון ה', וואס רצון ה' איז א "כלל גדול בתורה[10]" ואהבת לרעך כמוך[11], איז דאס ניט סתם א מ"ע בתורה, ניט נאר סתם א כלל בתורה – נאר דאס איז א כלל **גדול** בתורה!

ביז ווי הלל הזקן האט געזאגט – אז אידך פירושה זיל גמור. ווי דער אלטער רבי איז דאס מבאר אין תניא פרק לב.

---

5) שבת קי"ה ע"ב.
6) הלכות מגילה וחנוכה, פרק ד, הל' יד.
7) משלי פ"ג פ' יח.
8) אבות פ"א מי"ב.
9) תענית כ' ע"א.
10) תורת-כהנים ופרש"י עה"פ.
11) קדושים יט, יח.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת דברים

איז בשעת אהרן האט געזאגט אז א צווייטער איד איז אוהבו – האט ער **מגלה** געווען די נשמה פון דעם אידן ווי זי שטייט איצטער, וואס מערניט וואס יצרו אנסו (אדער תקפו[12]), ווייזט זיך אים אויס אז ער האט ניט ליב א צווייטן אידן,

אבער וואס איז דאס, זאגט דער רמב״ם - דאס איז מערניט ווי אן אונס און א תוקף און א דבר שמחוץ הימנו,

איז אין וואס באשטייט דער שינוי – ער דערציילט אים דעם מעמד ומצב ווי ער איז לאמיתתו, און ניט ווי ער וועט זיין **לעתיד-לבא** – ער איז בשעת מעשה לאמיתתו.

12) רמב״ם הל׳ גירושין ספ״ב.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.